**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט איינצלהייטן פון 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן צו פאררעכטן ניו יארק סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם**

***טראנספארמאטיווע פלאן צו פארגרעסערן קאפאציטעט פאר פסיכיאטרישע באהאנדלונג אנשטאלטן, פארשטערקערן אינשורענס דעקונג און דראמאטיש פארברייטערן אַוטפּעישענט סערוויסעס***

***אינוועסטירונגען וועלן אויפבויען צייטווייליגע און שטיצנדע האוזינג צו דינען ניו יארקער מיט גייסטישע געזונטהייט קראנקהייטן; אוועקשטעלן סיסטעמאטישע פאראנטווארטליכקייט ביים אריינעמען און באפרייען פאציענטן אין שפיטאל***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט איינצלהייטן פון איר ברייטע 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן פאר עטליכע יאר צו איבערארבעטן די גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם און דראסטיש רעדוצירן די צאל מענטשן מיט נישט-נאכגעקומענע גייסטישע געזונטהייט געברויכן אריבער די סטעיט. צום ערשט פארגעשטעלט אין די 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע לעצטע חודש, ציהלט די פלאן צו דראמאטיש פארברייטערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט קעיר, רעדוצירן די צייט ווי לאנג מען דארף ווארטן און פארזיכערן צופרידנשטעלנדע שטאפלען פון קעיר צו פאררעכטן א גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם וואס האט געליטן אויף א כראנישן אויפן פון נישט גענוג אינוועסטירונג.

"ניו יארק סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם איז איבערגעשטרענגט און ליידט פון יארן פון נישט גענוג אינוועסטירונג אפילו בעפאר די אלוועלטליכע פאנדעמיע האט פארגרעסערט די פראבלעם און פארערגערט די אנגעלעגנהייטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס קומט זיך פאר ניו יארקער וועלכע מוטשענען זיך מיט גייסטישע קרענק צו האבן א סיסטעם וואס איז פאסיג פאר זייערע געברויכן און וואס קומט זיי נאך. אנגעהויבן פונעם בויען צייטווייליגע און שטיצנדע האוזינג ביזן פארברייטערן אונזער פארצווייגטע נעטווארק פון אַוטפּעישענט סערוויסעס — איז די אמביציעזע פלאן געציהלט צו צושטעלן די פינאנצירונג און מיטלען וועלכע זענען נויטיג צו זיכער מאכן אז יעדער אין אונזער סטעיט קען צוקומען צו גייסטישע געזונטהייט קעיר פון א הויכע קוואליטעט."

די פלאן רעכנט אריין 890 מיליאן דאלאר אין איינמאליגע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען און 120 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר אנגייענדע אפעראציעס צו קענען אוועקשטעלן און אויפהאלטן 3,500 נייע וואוינונג יוניטס פאר ניו יארקער מיט גייסטישע קראנקהייטן. די יוניטס רעכענען אריין 500 איין-צימערדיגע יוניטס אין די קאמיוניטי וועלכע וועלן צוגעשטעלט ווערן פאר און אינטענסיווע סערוויסעס פאר מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן וועלכע זענען אין די העכסטע סכנה פון ווערן היימלאז; 900 צייטווייליגע יוניטס זיך צוביסלעך צוריק צו איינגעוואוינען צו וואוינען אליין; 600 לייסענסירטע אפּארטמענט יוניטס דינענדיג מענטשן וועלכע פארלאנגען סערוויסעס אויף א באלדיגן פארנעם.

אויך פינאנצירט דורך די צוגעטיילטע געלטער זענען 1,500 שטיצנדע האוזינג יוניטס וועלכע וועלן דינען מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען וועלכע האבן וויניגער דרינגנדע באדערפענישן אבער דארפן נאכאלץ שטיצע צו קענען וואוינען אין די קאמיוניטי. אין צוגאב רעכנט די פלאן אריין 25 מיליאן דאלאר אין איינמאליגע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און 7.3 מיליאן דאלאר אין אנגייענדע אויפהאלטונג קאסטן פאר 60 'סטעפ-דאַון' האוזינג יוניטס אין די קאמיוניטי אין ניו יארק סיטי צו דיענען מענטשן וועלכע זענען אין די פארגאנגענהייט געווען הייםלאז און גלידערן זיך איין אין די קאמיוניטי נאכן זיין אין אן אנשטאלט.

גאווערנער האקול שלאגט פאר צו אינוועסטירן 60 מיליאן דאלאר אין איינמאליגע אינפראסטרוקטור און 121.6 מיליאן דאלאר אין אויפהאלטונג פינאנצירונג צו דראמאטישע פארברייטערן אַוטפעישענט סערוויסעס. דאס רעכנט אריין דאס אויפשטעלן 12 נייע ברייטע פסיכיאטרישע עמערדזשענסי פראגראמען וועלכע שטעלן צו קריזיס קעיר אויף א שפיטאל שטאפל; טריפלען די צאל סערטיפייד קאמיוניטי אויפפירונג געזונטהייט קליניקס אין ניו יארק סיטי – פון 13 צו 39 – וועלכע אפפערן באלדיגע גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ קראנקהייט סערוויסעס און אפוינטמענטס פאר ניו יארקער אין יעדע עלטער מיט אדער אן אינשורענס; אויפשטעלן נאך 42 'אסערטיווע קאמיוניטי באהאנדלונג' (Assertive Community Treatment, ACT) מאנשאפטן צו צושטעלן אינטענסיווע סערוויסעס אויף רעדער פאר די מערסטע וואקלדיגע ניו יארקער און נאך אכט 'זיכערע אפציעס שטיצע' (Safe Options Support, SOS) מאנשאפטן – פינף אין ניו יארק סיטי און דריי אין די רעשט פון די סטעיט – צו צושטעלן אַוטריטש און פארבינדונג צו סערוויסעס פאר הייםלאזע מענטשן מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען און דראג באנוץ קראנקהייטן; און פארברייטערן קאפאציטעט ביי 20 קליניקס אונטער ארטיקל 31 וועלכע שטעלן צו די עיקר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר די שוואכסטע ניו יארקער.

די פלאן רעכנט אויך אריין א פאדערונג אז שפיטעלער זאלן ארייננעמען און באפרייען פאציענטן אויף א פאראנטווארטליכן פארנעם, מיט נייע און ברייטע סטאנדארטן פאר אפשאצונג און מער אויפזיכט אויף די סטעיט שטאפל צו פארזיכערן אז נייע פראטאקאלן ווערן גענוצט ווירקזאמערהייט. צו פארזיכערן די ערפאלג פון די נייע פאדערונגען פאר די פלאנירונג פראצעדור ביים באפרייען פאציענטן, וועט א 28 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אויפשטעלן 50 נייע קריטישע צייט אינטערווענץ (Critical Time Intervention, CTI) מאנשאפטן צו צושטעלן סערוויסעס פאר אלעס וואס באפרייטע פאציענטן דארפן — פון האוזינג ביז שטיצע מיט א דזשאב.

אין צוגאב, וועט אן אינוועסטירונג פון 2.8 מיליאן דאלאר פארברייטערן די אינטענסיווע און אנגייענדע מיטארבעט באהאנדלונג (Intensive and Sustained Engagement Treatment) פראגראם צו אפפערן אַוטריטש און מיטארבעט פאר ערוואקסענע מיט ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען דורך אנדערע וועלכע זענען געווען אין ענליכע מצבים. די פלאן אינוועסטירט 3.3 מיליאן דאלאר אין די אינדיווידואלע פלאצירונג און שטיצע (Individual Placement and Supports) פראגראם, אן אינוועסטירונג וואס וועט פארזיכערן אז די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) פארברייטערט דאס באנוץ פון אויפגעוויזענע מאדעלן פון געשטיצטע באשעפטיגונג פאר ערוואקסענע מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען.

גאווערנער האקול וועט שטופן פאר געזעצן צו עלימינירן די לעכער אין אינשורענס דעקונג פון אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס און פארבאטן אינשורענס פירמעס פון צוריקווייזן צוטריט צו מעדיציניש-נויטיגע, שטארק-נויטיגע, דרינגענדע און קריזיס גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס סיי פאר קינדער און סיי פאר ערוואקסענע, אריינרעכענענדיג מעדיצינען פאר דראג באנוץ קראנקהייט. אין צוגאב וועט גאווערנער האקול פארשלאגן א געזעץ וואס פארלאנגט פון קאמערציעלע אינשורענס פירמעס צו באצאלן פאר סקול-באזירטע סערוויסעס אויף א שטאפל וואס איז גלייך צו די העכערע באצאלנדע מעדיקעיד ראטע צו פארזיכערן אז אלע קינדער באקומען צייטליכע צוטריט.

אין צוגאב, שלאגט גאווערנער האקול פאר צו אננעמען סטאנדארטן פאר ווי שנעל און גרינג אפוינטמענטס פאר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס זענען דא צו באקומען און ווי צוגענגליך עס איז אין פארשידענע געגנטער. דאס וועט פאדערן באצאלונג גלייכקייט פאר אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס דורך די טעלעפאן און פארלאנגען דאס באנוץ מיט OMH-דעזיגנירטע קריטעריאנען צו באשטימען מעדיצינישע נויט און מיטלען און אויטאריזירן קלאגעס דורך אינשורענס קליענטן פר סטעיט געזעצליכע גלייכקייט פארלעצונגען.

גאווערנער האקול שלאגט אויך פאר א 20 מיליאן דאלארדיגע פארברייטערונג פון גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אין סקולס דורכן העכערן די מעדיקעיד באצאלונג ראטעס פאר סקול-באזירטע קליניקס און א 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו פארבייטערן סקול-באזירטע ארומיגע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג א יערליכע אינוועסטירונג צו צושטעלן די ערשטיגע געלטער וועלכע זענען נויטיג צו באקומען נייע און פארברייטערטע סקול סערוויסעס אין אפעראציע שנעלערהייט. די פלאן רעכנט אויך אריין נאך 12 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן די HealthySteps פראגראמען און היים-באזירטע קריזיס אינטערווענץ מאנשאפטן און 10 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר זעלבסטמארד פארמיידונג פראגראמען וועלכע ציהלן וואקלדיגע יוגנטליכע.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאַליוועו, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט רעכנט אריין פארשלאגן און מיטלען וועלכע וועלן פארברייטערן, פארשטערקערן און אויפלעבן די סטעיט'ס אויפפירונג העלט קעיר סיסטעם אין וועגן וועלכע וואלטן נישט מעגליך געווען אין פאריגע יארן. עס גיבט אונז נייע פאליסיס און פראגראמען וועלכע וועלן פארמערן די צוטריט צו האוזינג און צו אַוטפעישענט סערוויסעס און צו אנשטאלטן, און וועלן אונז גיבן די כלים וואס מיר דארפן צו קענען פארברייטערן סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס, צו רעדוצירן ראסישע אומגלייכקייטן אין העלטקעיר און עלימינירן לעכער אין אינשורענס דעקונג פאר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר איר היסטארישע איבערגעגעבנקייט צו פארשטערקערן די גייסטישע געזונטהייט העלטקעיר סיסטעם פאר אלע ניו יארקער."

גאווערנער האקול האט אויסגעשמועסט איר פלאן צו פאררעכטן ניו יארק סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם דורכאויס א באזוך צו די Montefiore מעדיקעל סענטער'ס Albert Einstein קאלעדזש פון מעדיצין. די Montefiore שפיטאל סיסטעם איז איינס פון בלויז געציילטע שפיטאל סיטעמען איבער די סטעיט וועלכע האבן פארגעזעצט צו אויפהאלטן אלע אירע פסיכיאטרישע בעטן דורכאויס די קאוויד-19 פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי.

ניו יארק סטעיט האט ערלויבט די שפיטעלער צו מאכן אפעראציע באשלוסן דורכאויס די פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי וואס האט געפירט דערצו אז פילע פון זיי האבן אוועקגענומען בעטן פון פסיכיאטרישע אפטיילונגען כדי צו נאכקומען די פארלאנג פאר מעדיצינישע/כירורגישע בעטן. אומגעפער 850 פון די בעטן, אריינרעכענענדיג 450 אין ניו יארק סיטי, בלייבן ביז היינט ארויס פון סערוויס, טראץ דעם וואס די סטעיט'ס פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי צושטאנד איז שוין אפגעלאפן אין 2021 און טראץ די וואקסנדע פארלאנג פאר פסיכיאטרישע אנשטאלט סערוויסעס.

א נייער געזעץ וועט ערלויבן די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט צו גיבן א קנס פאר קאמיוניטי שפיטעלער אונטער ארטיקל 28 מיט ביז אזויפיל פון $2,000 פער פארלעצונג פער טאג פארן נישט נאכקומען די צאל פסיכיאטרישע בעטן וואס איז אויסגערעכנט אין זייער אפערעיטינג סערטיפיקאט. גאווערנער האקול'ס פלאן שטעלט אויך צו 18 מיליאן דאלאר אין איינמאליגע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און 30 מיליאן דאלאר אין אנגייענדע אויפהאלטונג געלטער צו פארברייטערן בעטן אין

פסיכיאטרישע אנשטאלטן, אריינרעכנענדיג דאס עפענען 150 נייע בעטן פאר ערוואקסענע אין סטעיט-אנגעפירטע פסיכיאטרישע שפיטעלער, זייענדיג די גרעסטע פארברייטערונג ביי די אנשטאלטן אין צענדליגע יארן.

גאווערנער האקול'ס פלאן שטעלן צו נאך 60 מיליאן דאלאר צו שטיצן די 988 זעלבסטמארד און קריזיס האטליין — א העכערונג פון 25 מיליאן דאלאר פון די פאריגע בודזשעט. כדי צו שטיצן די ארבעטסקראפט, שטעלט די פלאן צו 5 מיליאן דאלאר פאר די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט'ס 'קאמיוניטי גייסטישע געזונטהייט הלוואה צוריקצאלונג פראגראם' (Community Mental Health Loan Repayment Program), פארברייטערנדיג בארעכטיגונג פאר דעם פראגראם צו אריינרעכענען אויך לייסענסירטע גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן און בויענדיג אויף די 9 מיליאן דאלאר וועלכע זענען אריינגעלייגט געווארן פאר פסיכיאטארן און פאר פסיכיאטרישע נוירס פרעקטישאנערס ווען דער פראגראם איז געעפנט געווארן אין 2023.

די גאווערנער וועט פארשלאגן א געזעץ צו שאפן א נייע סארט סערטיפיקעישען אלץ 'קוואליפיצירטע גייסטישע געזונטהייט אסאָסיעט' וואס וועט דינען אלץ א קאריערע לייטער און גיבן נאך טרעינירונג פאר גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן, זיי ערלויבנדיג צו ארבעטן אויף א מער זעלבסטשטענדיגן פארנעם און פארבעסערן קוואליטעט און צוטריט צו קעיר אין OMH פינאנצירטע און לייסענסירטע פלעצער. אין צוגאב האט גאווערנער האקול פארגעשלאגן 2.5 פראצענטיגע צופאסונג צו די קאסטן פון לעבן (cost of living adjustment, COLA) צו סאָושעל סעקיוריטי, אפצייכענענדיג די צווייטע יאר וואס זי האט אריינגעלייגט א COLA אין איר בודזשעט, ארויסווייזנדיג איר איבערגעגעבנקייט צו פארגרעסערן די שטיצע פאר די קריטישע פראגראמען און ארבייטער.

**סטעיט סענאטארשע נאטאלי פערנאנדעז האט געזאגט,** "די גאווערנער'ס בודזשעט פארשלאגן פאר גייסטישע געזונטהייט שפיגלט אפ אן ערנסטקייט וואס פאסט זיך פאר אזא ערנסטע אנגעלעגנהייט וואס מיר האבן שוין פון לאנג געדארפט. די היבשע העכערונג אין צוגעטיילטע געלטער פאר 2023 וועט שפינען א געוועב פון פאזיטיווע רעזולטאטן פאר די אומאפטיילבארע אנגעלעגנהייטן פון גייסטישע וואוילזיין און דראג אביוז. איך ווער ערמוטיגט זעהענדיג גאווערנער האקול אונטערנעמענדיג די שריט. כדי צו פארזעצן צו מאכן א פאזיטיווע השפעה פאר די צוקונפט, דארפן מיר האבן צוזאמענארבעט צווישן די שטאט, סטעיט און פעדעראלע רעגירונג בעאמטע, און אזוי אויך מער פינאנצירונג דורך מערערע אגענטורן וואו גייסטישע געזונטהייט און דראג אביוז קומען זיך צוזאם."

**בראנקס בארא פרעזידענט וואנעסע ל. גיבסאן האט געזאגט,** "פאר צו לאנג זענען ניו יארק'ס שוואכסטע צוריקגעוויזן געווארן די שטאנדהאפטיגע גייסטישע, עמאציאנאלע און פיזישע ארומיגע סערוויסעס וואס עס קומט זיך זיי און וואס זיי דארפן צווייפלהאפטיג כדי צו קענען בליהען. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס טראנספארמאטיווע פלאן וואס זוכט דאס צו טוישן דורכן פארגרעסערן די קאפאציטעט פאר פסיכיאטרישע באהאנדלונג אנשטאלטן מיט 1,000 בעטן, בשעת'ן צולייגן האוזינג יוניטס און אוועקשטעלן א סיסטעם פון פאראנטווארטליכקייט אין פעישענט קעיר. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט ביים אדרעסירן אן אנגלעגנהייט וואס וועט ארבעטן צו פארשטערקערן און ברענגען היילונג פאר די פילע וועלכע האבן געליטן אין אונזערע קאמיוניטיס."

**קאונסיל מיטגלידערין מארדזשארי וועלאזקעז האט געזאגט,** "גייסטישע געזונטהייט זעצט פאר צו זיין א פובליק געזונטהייט קריזיס, און גאווערנער האקול'ס אינוועסטירונגען צו פארקלענערן די קריזיס וועלן באדייטנד פארבעסערן מענטשן'ס לעבנס און אנזער קאמיוניטי בכלל. עס קומט זיך פאר ניו יארקער, אריינרעכענענדיג פאר אונזערע סטודענטן, צו האבן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט קעיר אן דארפן זיך אנטרעפן אין פינאנציעלע שטרויכלונגען. מיר קענען און וועלן אדרעסירן די קריזיס פון פארנט און טרעפן לייזונגען וועלכע וועלן באמת בענעפיטירן אונזערע קאמיוניטיס און סיטי."

**Unique People Services עקזעקיוטיוו דירעקטארין, איוועט בריסעט-אנדרעי, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול האט אהערגעשטעלט אן עכטע פלאן פאר די צוקונפט וואס שטיצט די לעבנס-ראטעווענדע ארבעט וואס ווערט געטוהן דורך ארגאניזאציעס וועלכע ערפילן די געברויכן פון די שוואכסטע ניו יארקער. אירע אינוועסטירונגען אין קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס און אין שטיצנדע האוזינג וועלן העלפן פילע קינדער, ערוואקסענען און פאמיליעס צו עררייכן זייער פולע פאטענציאל און בליהען אין די קאמיוניטיס וואס זיי רופן היים."

**Montifiore מעדיקעל סענטער פרעזידענט, דר. פיליפ אָזווע, האט געזאגט,** "אין איר ערשטע רעדע אלץ גאווערנער האט קעטי האקול פארשפראכן צו שטיין אין שפיץ פונעם קאמף אלץ שתדלנות'טע פאר אלע ניו יארקער. איר פארגעשלאגענע בודזשעט און צוזאג פון 1 ביליאן דאלאר צו אדרעסירן גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן איז מקיים די צוזאג. איך בין דאנקבאר אז זי האט אויסגעוועהלט צו אויפדעקן אירע פלענער דא ביי Montefiore/Einstein און פאר די דאנקבארקייט וואס זי האט געוויזן פאר אונזער קאמיוניטי."

**CEO o'Mental Health Association of New York State, גלען ליעבמאן, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול און קאמישאנער סאַליוואן האבן געשאפן אן אמביציעזע חזון פאר די צוקונפט פון גייסטישע געזונטהייט וואס רעכנט אריין האוזינג, גייסטישע געזונטהייט פאר יונגווארג און אינשורענס גלייכקייט. מיר זענען אין שטארקע שטיצע פון די איבערגעגעבנקייט צו פארשטערקערן און טראנספארמירן די גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם, און מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן מיט די גאווערנער און לעגיסלאטור אויף אונזערע פריאריטעטן אזוי ווי די בודזשעט פראצעדור זעצט פאר."

**NAMI-NYS צייטווייליגע עקזעקיוטיוו דירעקטארין, שעראן הארטאן, האט געזאגט,** "NAMI-NYS אפלאדירט גאווערנער האקול פארן לייגן גייסטישע געזונטהייט פאר אן אמת'ע פריאריטעט אין איר פארגעשלאגענע בודזשעט און פארן אויסשמועסן וויאזוי גייסטישע געזונטהייט אנגעלעגנהייט האבן געהאט א נעגאטיווע השפעה אויף איר פאמיליע אין איר בודזשעט רעדע. NAMI-NYS באדאנקט די גאווערנער פארן פאראויס רוקן מאסנאמען וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט אונזער הויפט פריאריטעט פאר וואס מיר שתדל'ן; די נויט צו פארברייטערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט שטיצע און סערוויסעס און אננעמען רעקאמענדאציעס וואס NAMI-NYS מאכט שוין פאר מער פון צען יאר. די גאווערנער'ס פלאן האט אן אמביציעזע ציהל צו פארמערן צוטריט פאר אלע וועלכע ליידן פון די פסיכיאטרישע קראנקהייטן דורך פינאנצירונג סיי פאר אנשטאלטן און סיי פאר קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס. מיר פילן אויך ערמוטיגט זעהענדיג די גאווערנער'ס ציהל צו פארבעסערן די פראצעדורן ביים אריינגעמען און באפרייען פאציענטן פון שפיטאל וועלכע NAMI-NYS האט שוין פון לאנג קריטיקירט, און אזוי אויך צו אדרעסירן די מאנגל אין אינשורענס גלייכקייט וואס האלט אפ מענטשן פון צוקומען צו סערוויסעס און פארברייטערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר ניו יארק'ס קינדער."

**Concern for Independent Living עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ראלף פאסאַנאָ, האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן די גאווערנער פאר איר ברייטע פלאן צו שטיצן מענטשן וועלכע לעבן מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען און צו זיכער מאכן אז זיי באקומען די סערוויסעס וואס זיי דארפן אריבער די גאנצע קעיר סיסטעם. אירע איניציאטיוון וועלן העלפן רעדוצירן די צאל מענטשן וואס גייען צוריק אריין אין שפיטאל דורכן צושטעלן די נויטיגע הילף פאר מענטשן איינמאל זיי ווערן באפרייט און אזוי ווי זיי רוקן זיך אריין צו באקומען קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס און עווענטועל פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג."

**Institute for Community Living פרעזידענט און CEO, דזשאָודי רודין, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס פלאן אינוועסטירט אין די ריכטיגע פלעצער, אריבער די גאנצע רייע פון פראגראמען וועלכע ארבעטן מיט אויפגעוויזענע מיטלען, פון פארמיידונג ביז פערמאנענטע סערוויסעס. עס

פארגרעסערט פינאנצירונג אויף א קלוגע פארנעם פינאנצירונג פאר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר יוגענטליכע, פראגראמען ווי ACT, SOS און CTI וועלכע שטיצן די וועם עס איז די שווערסטע צו באהאנדלען, און פאר מער האוזינג מיט ארומיגע סערוויסעס וואס איז די בעסטע רעצעפט וואס א דאקטאר קען פארשרייבן. עס איז א טראנספארמאטיווע פלאן וואס האט די כוח אונז צו רוקן פון א צושטיקלטע סיסטעם צו איין פאראייניגטע סיסטעם דורכן בויען אויף קאמיוניטי-באזירטע פראגראמען וועלכע זענען קאנצעטרירט ארום טראומע צו העלפן מענטשן זיך פילן בעסער."

**Vibrant Emotional Health פרעזידענט און CEO, קימבערלי א. וויליאמס, האט געזאגט**, "מיר זענען גאר צופרידן צו זעהן די קאצעטרירונג אויף גייסטישע געזונטהייט פינאנצירונג אין גאווערנער האקול'ס סטעיט בודזשעט, ניו יארק סטעיט איז א פירער אינעם לאנד אין פילע געביטן, און די שטאפל פון פרעצענדענטלאזע פינאנצירונג פאר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס איז נאך א ביישפיל דערפון. אלץ א ניו יארק-באזירטע גייסטישע געזונטהייט ארגאניזאציע מיט אן אנוועזנהייט ארום דעם גאנצן לאנד, האפן מיר אז די סארט פארברייטערונג פון פינאנצירונג קען זיין די סטאנדארט איבעראל, און מיר ווען פארזעצן צו שתדל'ן אז עס זאל זיין אזוי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418